2—derziung

קאָפּ ? ? ? ———— — — — ——— ————

● י. א. ראַנטש

אויב מיר ווילן באַקומען אַ גענויעם באַגריף וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אינערלעכן לעבן פון קימאַט יעדן איינוואוינער ביי אונדז אין לאַנד פאַר די לעצטע 50 יאָר, דאַרפן מיר ניט גריבלען זיך אין שווערע געשיכטע־ביכער אין די ביבליאָטעקן. פאַראַן אַ גרינגערער וועג. מיר קאָנען אויסגעפינען וועגן דעם פון איין־איינציקן בוך, וואָס איז ניט פאַרפאַסט געוואָרן פון קיין געשיכטע־שרייבער, וואָס איז פאַקטיש גאָר קיין בוך ניט. ס'איז אַ פּאָשעטער קאַטאַלאָג, וואָס יעדער קאָן אים באַקומען, נאָר וואָס דערציילט אַ סאַך מער, ווי הונדערטער ביכער וואָלטן דערציילט.

דער קאַטאַלאָג ווערט אַרויסגעשיקט צוויי מאָל אַ יאָר צו די קוינים פון דער „סירס־ראָבאַק" קאָמפּאַני, וואָס פאַרקויפט זאַכן דורך פּאָסט. איר קאָנט דאָרט באַשטעלן, לעמאָשל, אַ קינסטלעכן פוס, אַ מאַציייווע, אַ פּאָר שיך, אַ פּאַרוק און וואָס ניט?

נאָך דער ביבל, איז דער קאַטאַלאָג דער פאַרשפּרייטסטער בוך אין אַמעריקע. ער האָט אַ צירקולאַציע פון זיבן מיליאָן. יעדעס יאָר דערהאַלט די קאָמפּאַני אַ דריי מיליאָן קאַרטלעך און בריוו פון מענטשן, וואָס בעטן מע זאָל זיי שיקן אַ קאַטאַלאָג.

אין די גרויסע שטעט ווייסט מען ווייניק דערפון, נאָר איבערן גאַנצן לאַנד, אין די שטעטלעך און איבערהויפּט אויף די פאַרמס קאָן מען זיך ניט באַגיין אָן דעם „פאַרמערס ביבל", ווי דער קאַטאַלאָג האָט אין מעשעך פון יאָרן באַקומען אַ צונאָמען.

בלעטערנדיק די קאַטאַלאָגן פון יאָר צו יאָר דערזעען מיר וואָס פאַר אַ ריזיקע ענדערונגען עס זיינען פאָרגעקומען אין אונדזער טאָגטעגלעכן היימישן לעבן.

ס'איז געווען אַ צייט אין אַמעריקאַנער לעבן, ווען דער פאַרמער און דער קליינשטעטלדיקער איינוואוינער האָבן זיך באַקאַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער טעכניק און ציוויליזאַציע דורך דעם קאַטאַלאָג. דאַן ווען דער אויטאָמאָביל איז נאָך געווען דאָס אייגנטום פון געציילטע מענטשן אין לאַנד — און דאָס איז געווען גאָר ניט לאַנג צוריק — און די ראַדיאָ האָט נאָך ניט געהאַט פאַרטויבט די אויערן מיט אַלערליי „רעפּועס" פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט — דאַן האָט דער פאַרמער באַשטעלט אַלע זיינע פּראָדוקטן דורך זיין „סירס־ראָבאַק" ביבל.

עס איז לעצטנס דערשינען אַ בוך *), וואָס איז געבויט אויף די פאָרשונגען פון די קאַטאַלאָגן פאַר די לעצטע 35 יאָר. דורך די אַנאָנסן־אילוסטראַציעס, וואָס דער מעכאַבער ברענגט פון די קאַטאַלאָגן, באַקאָנען מיר זיך פאַקטיש מיט דער סאָציאַלער געשיכטע פון היינטיקן יאָרהונדערט אין אונדזער לאַנד.

פערציק יאָר צייט האָט די קאָמפּאַני געטאָן ביזנעס בלויז דורך פּאָסט, נאָר זינט 1925 האָט זי אויפגעעפנט 450 קראָמען איבערן לאַנד. די אורזאַכן, פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן, זיינען פאַרשטענדלעך. היינטיקע צייטן דאַרף דער פאַרמער אָדער דער קליינשטעטלער ניט אָנקומען מער צום „מייל־אָרדער"־הויז. ער פאַרמאָגט אַ טעלעפאָן, אַ קאַר און ער לייענט אַ צייטונג. אַבי ס'איז נאָר פאַראַן די פּאָר טאָלער, קאָן ער באַקומען צוגעשטעלט צו זיך אין הויז אַלץ וואָס ס'איז אים נויטיק.

דער קאַטאַלאָג ווייזט אונדז ניט בלויז די אַנטוויקלונג פון די אַמעריקאַנער טעכניק און [illegible]שפּרייטונג, נאָר ער איז אויך אַן [illegible]שפּיגלונג פון דער גאַנצער היפּאָקריטישער צייט, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג ברענגט מיט זיך מיט.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט איין קאַפּיטל פון בוך, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם אויפן ווי „סירס און ראָבאַק" האָט פאַרקויפט בילדונג דורך די לייען־ביכער וואָס ער האָט אָנאָנסירט אין זיינע קאַטאַלאָגן. מיר געפינען אויס, ווי אַזוי מיליאָנען פאַרמער און קליינשטעטלדיקע אַמעריקאַנער האָבן יאָרן־לאַנג גענאָסן בילדונג, לייענענדיק די ביכער וואָס די קאַטאַלאָגן האָבן רעקאָמענדירט צו לייענען.

אַז דער אוילעם האָט אַ סאַך געלייענט, קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן דערפון, וואָס נאָך אין 1905 האָט דער קאַטאַלאָג אָפּגעגעבן 16 זייטן צו ליטעראַטור, אויסער דעם וואָס סירס־ראָבאַק האָט געדרוקט אַ באַזונדערן ביכער־קאַטאַלאָג. ווי עס ווייזט אויס, האָבן דאַן הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער היימען באַשטעלט ביכער דורך פּאָסט. מע דאַרף אויך אין זינען האָבן, אַז אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט איז די באַפעלקערונג געווען מער אַ פאַרמערישע ווי אַ שטאָטישע. 45 מיליאָן האָבן געוואוינט אויף פאַרמס און אין שטעטלעך און 30 מיליאָן זיינען געווען שטאָטישע איינוואוינער.

אין יענער צייט זיינען אין גאַנץ אַמעריקע געווען בלויז 8,000 אויטאָמאָבילן און דער פאַרמער האָט די לאַנגע ווינטער־אָוונטן געמוזט פאַרברענגען ביי זיך אין דער היים. די מואַווים, די ראַדיאָ זיינען נאָך אַלץ געווען אין אַן עקספּערימענטאַלן צושטאַנד.

וואָס־זשע האָט דער פאַרמער געלייענט אין 1905? דער „בעסט סעלער" פון יענער צייט איז נאָך אַלץ געווען די פאַמיליע־ביבל. דער

---

*) The Good Old Days, by David Cohn, Published by Simon and Schuster, N. Y., 1940.

14—derziung
13—derziung
16—derziung
15—derziung
1—derziung
12—derziung
48—Derziung
47—DERZIUNG
45—Derziung
18—derziung
11—derziung

נישט מאַסקים מיט אַזאַ נישט־גערעכטער פאַרטיילונג, וואָס ער האָט געהערט פון איר אין דעם שולכל פון אַ וואוילקענעוודיקן מאַגיד. (זע די דערציילונג „שאָלעם־בייעס".)

פּערעץ האָט אויך אין זיין שאַפן אַרויסגעבראַכט דעם געראַנגל פון גוטס און שלעכטס, פון ריין און אומריין, פון הייליקס און זינדיקס. דאָס ווערט באַזונדערס שאַרף אונטערגעשטראָכן דורך פּערעצן אין זיין דראַמאַטיש ווערק „אין פּאָליש אויף דער קייט". ווידעראַמאָל — די קאָנטראַסטן, וואָס שטרייכן שאַרף אונטער די צוויי באַזונדערע פרויען־געשטאַלטן, בראַכיעס קלוימערשט־הייליקע טאָכטער און די אויסגעלאַסענע. און דורך דעם יעשיווע־באָכער, וואָס ווערט געשמידט אין קייטן פאַר זיין רייסן זיך פון די געטאָ־ווענט און פון דער צוריקגעשטאַנענער יידישער וועלט. דורך אים כאַראַקטעריזירט פּערעץ די ביידע קעגנזעצלעכע געשטאַלטן, נישט אַזוי מיט זייערע אויסערלעכע שטריכן ווי מיט די זעלישע אייגנשאַפטן.

פון איין זייט בראַכיעס טאָכטער — שטענדיק איז זי אין אים געווען פאַרליבט, זי איז געווען זיין געזאַנג, זיין איינציקער כאָלעם, און ווען „אַ רעגע האָט זי געלייקנט אין אים, צוליב דעם טאַטנס ווייסן קאָפּ, צוליב דער מאַמעס קראַנק האַרץ" און זי קומט בעטן ביי אים מעכילע, שטופּט ער זי אָפּ פון זיך און שרייט אויס:

„דו ביסט פאַרשוועכט . . . שווייג! ווי ברענענדיקע דערנער שטעכט מיר יעדער קלאַנג! דיין אַמאָליק הייליק בילד, פון ליכטיקע שטערן צוזאַמענגעשטעלט, שטראַלט אין מיר — און פון דיין פאַרשוועכטן בליק לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן . . . גיי!"

און די אויסגעלאַסענע — זי קומט צו אים און בעט זיך ביי אים „לעשן דעם פלאַם, ביי דער זינדיקער דעם פלאַם". רופט ער אויס צו איר:

„דו ביסט ריין, דיינע זינדיקע געדאַנקען פליען אַרויס פון דיר, ווערן נעשאָמעס פאַר זינדיקן זאַכן, זיי אַנטלויפן פון דיר ווי שאָטן און נעפּל פאַר אַ ליכט, פאַרן ערשטן מאָרגנשטראַל. דו בלייבסט ריין, שטענדיק ריין!"

אָט דעם שטענדיקן אינעווייניקסטן געראַנגל פון די ווידערשפּרעכנדיקע קויכעס, אָט דעם געראַנגל פון דעם מיעסן אין אַ שיינעם גוף און דעם ריינעם אין אַ גראָבן קערפּער האָט פּערעץ אויף זיין שאַרפן, אייגנאַרטיקן אופן אַרויסגעבראַכט. די וואָס שטודירן פּערעצן, דאַרפן פאַרשטיין, באַגרייפן דעם באַזונדערן אופן פון מאָלן געשטאַלטן און זייערע אינעווייניקסטע וועלטן.

דאָס איז אַ שליסל צו פּערעצעס ווערק ביכלאַל און אויך צו די פרויען־געשטאַלטן, וואָס זיינען דאָ אין זייער אַ גרויסער צאָל אין פּערעצעס וואונדערבאַרע, טיפע ווערק.

די ענגליש-יידישע יוגנט און די קינדער-פּרעסע אין אַמעריקע

● פּ. סאַנדלער (נ. וואַגנער)

אין דער גרויסער און צעשפּרייטער יידישער אַמעריקע דערשיינט אַ ברייט-פאַרצווייגטע ענגליש-יידישע פּרעסע. עס דערשיינען צייטשריפטן פון יעדן סאָרט און טיפּ, אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל, וואו ס'געפינט זיך אַ גרעסערע יידישע קעהילע, און ספּעציעל אין די יידישע יעשואווים, וואָס זיינען ווייט פון די גרויסע יידישע צענטערן.

וואָס ווייטער אַ יידישער יישעוו איז פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, אַלץ ווייטער און אָפּגעריסענער איז די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג פון דעם יידישן לעבן, פון דער יידישער שפּראַך, פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, פון יידיש-רעדנדיקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. די דאָרטיקע יידן מוזן זוכן זייער יידיש לעבן-אויסדרוק דורך דער ענגלישער שפּראַך, דורך די „קאָמיוניטי סענטערס" אָדער „טעמפּלס".

און וואָס אָפּגעריסענער די יידישע באַפעלקערונג איז פון איר יידישן קולטור-מאָקער, אַלץ אָפּטער ווערט די ענגליש-יידישע צייטשריפט איר מיטל פון געזעלשאַפטלעכן אויסדרוק און צוהאַלט אָנעם יידישן לעבן, איר אָנקניפּ מיט דער גרויסער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד ביכלאַל.

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָס: צווישן די הונדערטער ענגליש-יידישע וואָכנבלעטער, מאָנאַט-שריפטן און אַנדערע אויסגאַבן, געפינט זיך ניט קיין איין אויסגאַבע פאַר דער יידישער ענגליש-רעדנדיקער יוגנט אָדער פאַר די הונדערטער טויזנטער קינדער וואָס באַזוכן ניט קיין שום טיפּ יידישע שול (אַפילע ניט קיין טאַלמוד-טוירע), וועלכע זאָל אַרויסגעגעבן ווערן פון אַ פּריוואַטן מענטשן אָדער פון אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל ניט זיין פאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער אָדער מיט דער ציעניסטישער באַוועגונג. דאָס איז ווי בעכיוון איבערגעלאָזט געוואָרן צו די באַוועגונגען, אַז זיי זאָלן „דערציען" און „אויסבילדן" די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט אין גייסט פון רעליגיע און אין גייסט פון יידישן שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם.*)

אין לאַנד דערשיינען די פאָלגנדיקע אויסגאַבן פאַר דער יידישער יוגנט אין דער ענגלישער שפּראַך:

1. „דזשואיש יוט דזשורנאַל" — אַ כוידעש-זשורנאַל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער „יאָנג פּיפּלס ליג" פון די „יונייטעד סינאַגאָגס אָוו אַמעריקע".
2. „די יאָנג איזראַעל וויופּוינט" — אַ מאָנאַט-שריפט אַרויסגעגעבן פון דעם נאַציאָנאַלן קאָונסיל פון „יאָנג איזראַעל", אַ רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע.
3. „מאַסאַדאַ ניוס" — אַ צוויי-וועכנטלעכער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון דער ציעניסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע, מאַסאַדאַ.
4. „אבוקה סטודענט עקשאָן"—אַ פּעריאָדיש בלעטל, אָרגאַן פון דער ציעניסטישער סטודענטן-אָרגאַניזאַציע, אבוקה (אַוואָוקאַ).
5. „ניוס ענד וויוס" — צוויי-וועכנטלעכער אָרגאַן פון די יונגע פּועלע-ציען — „הבנים".
6. „הבנה" — כוידעש-זשורנאַל פון דער זעלבער אָרגאַניזאַציע.
7. דער פאַרבאַנד פון „אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס", אין סינסינעטי, גיט אויך אַרויס אַ צוויי-מאָנאַטלעכן זשורנאַל מיטן נאָמען „די יוט לידער", פאַר דער אָנפיר-אַרבעט מיט די יידישע יוגנט-קלובן אין סינאַגאָגעס, קאָנגרעגיישאָנס און אַנדערע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס.
8. „יאָנג דזשודעאַ" — כוידעש-זשורנאַל פון דער יאָנג דזשודעאַ (ציעניסטישע) אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז דער גאַנצער אויצער פון דער יידישער יוגנט-פּרעסע אין דער ענגלישער שפּראַך, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ניט גוואַלדיק רייך און ניט צום איבערנעמען זיך. אָבער אַוואַדע אַ סאַך מער און רייכער לעגאַבע דער יוגנט-פּרעסע אין יידיש, וואָס איז קימאַט ווי ניט בענימצע.

דער אינהאַלט פון אָט-די אויסגאַבן מוז גלייך קלאָר ווערן פאַרן לייענער. די שריפטן, וועלכע עס גיבן אַרויס די אויסגעשפּראָכענע ציעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די יונגע פּועלע-ציען אָדער די מאַסאַדאַ, גיבן זיך אָפּ הויפּטזאַכלעך מיט ציעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט אַגיטאַציע פאַר די פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס וואָס די קאָלערליי ציעניסטישע פּושקעס פירן אָן. נאָכדעם קומט ביי זיי די אַגיטאַציע פאַר ענגלאַנד, פאַר די „עליים" ביכלאַל, אין דער איצטיקער מילכאָמע.

אויף וויפיל עס ווערן דאָרט באַרירט אַנדערע פּראָבלעמען, איז עס אין גייסט פון דער יידישער בירגערלעכער פירערשאַפט, און אין אַרבעטער-פּראָבלעמען—אין גייסט פון דער „פאָרווערטס"-אַרבעטער-ביוראָקראַטיע. אַזוי, צום ביישפּיל, וואַרפט מען אויף דער „סי. איי. אָ." און ספּעציעל אויף דזשאָן ל. לואיסן די גאַנצע שולד פאַר דער צעשפּליטערטקייט פון דער אַמעריקאַנער טרייד-יוניאָן באַוועגונג („ניוס ענד וויוס", נאָוועמבער 29, 1940).

דאָס זעלבע איז אויך ווען ס'קומט צו דער פראַגע פון די יידן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. מ'גיט דאָרט, כאָלילע, ניט אָפּ קיין פּלאַץ פאַר דערציילן וועגן דעם לעבן פון דער יידישער יוגנט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, און אַפילע ניט פאַר די פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט אין אַנדערע לענדער (כוץ פּאַלעסטינע). וואָס מ'שרייבט יאָ וועגן סאָוועטן-פאַרבאַנד איז, פאַרשטייט זיך, אין דעם באַקאַנטן טאָן פון אַנטי-סאָוועטישע קוויטשערייען, און מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג צום נייעם לעבן פון די יידישע פאָלקס-מאַסן אין די נייע סאָוועטישע לענדער.

אין אַ געוויסן זין איז שוין די רעליגיעזע יוגנט-פּרעסע אַ סאַך פּראָגרעסיווער ווי די ציעניסטישע. כאָטש אין אַלגעמיין אונטערשיידן זיי זיך ניט אין קיין סאַך פּראָטים פון די אָרגאַנען פון די ציעניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, דאָך געפינט איר אויף זייערע שפּאַלטן אָפּהאַנדלונגען וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידישער יוגנט ביכלאַל, פּראָבלעמען וואָס האָבן צו טאָן מיט אַרבעטלאָזיקייט, דיסקרימינאַציעס און דאָס גלייכן. און זיי באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגן אָפּט אין אַ ברייטערן, מער פּראָגרעסיוון גייסט. אַזוי זאָגט זיך אין אַן אַרטיקל אין דעם „דזשואיש יוט דזשורנאַל", מערץ, 1940, „אַז די צוקונפט פון דער יידישער יוגנט איז פאַרבונדן מיט דער צוקונפט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער יוגנט, און איר לאַגע היינט צו טאָג איז זייער אַן ערנסטע." אין דעם זעלבן אַרטיקל רעדט מען וועגן די העכער פיר מיליאָן יוגנטלעכע אַרבעטלאָזע, וואָס עס זיינען דאָ און וועגן דעם, אַז אַן אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט אַז אין ניו יאָרק געפינען זיך אַרום 115 טויזנט יידישע יוגנטלעכע אַרבעטלאָזע, אַכוץ די וואָס האַלטן אין פאַרענדיקן היי-סקול און קאָלעדזש. אָבער די לייזונג, וואָס זיי גיבן אויף אָט-די אָנגעווייטיקטע פראַגן, קאָן אַוואַדע קיין סאַך יעשועס ניט ברענגען דער יידישער יוגנט, אָבער זיי האָבן כאָטש ניט קיין מוירע אָנצואווייזן אויף דער פּראָבלעם.

אָבער כוץ דעם איז דער אינהאַלט פון די אָרגאַנען, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן פון די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, אַ שעדלעכער פאַר דער יידישער יוגנט.

אין יאַנואַר-נומער (1938) פון דעם „דזשורנאַל" האָט מען געזאָגט דער יידישער יוגנט, אַז קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין ליטישער וועג, אַז זוכן די אורזאַכן פון אַנטיסעמיטיזם און בעמיילע קעמפן קעגן די אורזאַכן איז אויך ניט קיין דערעך פאַר אָנשטענדיקע יידישע יונגעלייט. די הויפּט-אויפגאַבע פאַר די יידישע באָכערים און מיידלעך איז ניט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר איינשטעלן קוידעם-קאָל אָרדענונג אין דעם אייגענעם יידישן לעבן, שאָלעם צווישן די פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּעס, אייניקייט צווישן די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און ד. גל. אָבער קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם ? !

און אין אַ צווייטן נומער זאָגט מען דער יוגנט, אַז איצט, ווען „פעלקער זיינען ווידער אין מילכאָמע, איז נאָך קלאָרער די נויטיקייט פאַר רעליגיעזער ווידער-באַוואָפענונג."

„די יאָנג איזראַעל וויופּוינט" גייט נאָך אַ ביסעלע ווייטער. זי רופט זיי ביכלאַל: „אינטערעסירט זיך מיט דער קאָנגרעגיישאָן. שטודירט די טוירע. אייער ביישפּיל וועט באַגייסטערן אַנדערע . . . דער רעזולטאַט וועט זיין: אַ רענעסאַנס פון יידישן לערנען..."

אין אַן אַנדער נומער, לעקאָוועד ראָש-האַשאָנע אין יאָר 1940, שרייבט מען: „די בסורע פאַרן נייעם יאָר איז: צוטרויען, גלויבן אין גאָט און אין אייביקן יסראָעל."

צו גאָט, צו דער טוירע און אין שול אַריין — אַהין רופט זיי סיי דער „וויופּוינט" און סיי דער „דזשורנאַל".

צי שפּיגלט אָפּ אָט-די פּרעסע די אינטערעסן, די פּראָבלעמען און דאָס לעבן פון דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט? עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ניט.

די אַמעריקאַנער-געבוירענע יידישע באָכערים און מיידלעך זיינען אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן. זיי געהערט די יידישע קולטור, אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר זיי, די גרויסע און שיינע יידישע ליטעראַטור. זיי האָבן זייערע פּראָבלעמען ווי אַמעריקאַנער און באַזונדערע פּראָבלעמען ווי יידן. זיי זיינען אַ טייל פון אַ גרויס פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, און זיי ווילן און דאַרפן זיך טיילן סיי מיט די פריידן און סיי מיט די ליידן פון זייערע יוגנטלעכע יידישע ברידער און שוועסטער איבער דער גאַנצער וועלט.

די יידישע יוגנט אין אַמעריקע דאַרף איר פּרעסע, סיי אין יידיש און סיי אין ענגליש. אָבער אַ פּרעסע, וואָס זאָל ווערט זיין איר נאָמען, אַ פּרעסע וואָס זאָל זיין אַ שפּיגל פאַר דער יוגנט און וואו די געזונטע, קרעפטיקע און שעפערישע יידישע יוגנט זאָל זיך קאָנען אָפּשפּיגלען.

די ענגליש-יידישע יוגנט-פּרעסע, וואָס איז דאָ, טאָר מען טאַקע ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, אָבער קיין שטאָלץ און קיין שיינדל איז זי אויך ניט.

וועגן דער קינדער-פּרעסע וועל איך שרייבן באַזונדער אין קומענדיקן נומער.

---

*) אונדז דוכט זיך, אַז דער שרייבער פון אַרטיקל מאַכט דאָ ניט דעם ריכטיקן אויספיר. אָט די דערשיינונג איז אין זיך אַליין גענומען (אָפּגעזען פון דעם אידייאישן אינהאַלט פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס) אַ פּאָזיטיווע, ווייל זי ווייזט אָן אויף אַ טענדענץ צו ברייטער פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין יידישן לעבן. אָט די טענדענץ איז דורכאויס אַ פּראָגרעסיווע און סאָציאַל-קאָנסטרוקטיווע. אין וועלכע געזעלשאַפטלעכע קאַנאַלן זי ווערט געווענדט איז אין גאַנצן אַ באַזונדערע פראַגע.
— רעדאַקציע.

7—derziung

מינאַ קלעבערג

● ר. האַלטמאַן

מינאַ קלעבערג איז געבוירן געוואָרן אין עלמסהאָרן, דייטשלאַנד, אין יולי 1841, די טאָכטער פון דאָקטער קאָן, א באַרימטער מעדיקער. מיט דער הילף פון איר פאָטער האָבן זיך אירע נאַטירלעכע פיאַיקייטן גענומען אַנטוויקלען און זי האָט אַכוץ טעאָרעטישע קענטענישן, אָנגעזאַמלט אינפאָרמאַציע וועגן אַלגעמיינע געגנשטאַנדן א סאַך פריער איידער זי האָט דערגרייכט א רייפן עלטער.

ווען זי איז נאָך געווען א גאָר יונגע מיידל האָט זי זיך שוין געהאַט אָפּגעגעבן מיט אַרבעטן איבער פּאָעזיע און וויסנשאַפטלעכע געגנשטאַנדן. זי האָט געקענט שפּראַכן און האָט געשריבן אין דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. מיט איר פילזייטיקן אינטערעס צו ליטעראַטור און קונסט האָט זי זיך שוין אָנגעצייכנט דעם וועג, וועלכן זי האָט נאָכגעפאָלגט אין אירע ווייטערדיקע יאָרן.

אין 1862 האָט מיס קאָן כאַסענע געהאַט מיט דאָקטאָר קלעבערג. ביז צו איר כאַסענע האָבן אירע לידער באַהאַנדלט נאָר טעמעס פון אַרומיקן יידישן לעבן, אָבער איצט האָט זיך איר טאַלאַנט צעבליט. מען האָט זי אָנגעפאַנגען באַמערקן. צווישן פיל פּאָעטן, וואָס האָבן געזוכט איר באַקאַנטשאַפט, איז געווען דער פּאָעט ריטערהויז.

באַלד נאָכדעם, ווי מרס. קלעבערג האָט אָנגעשריבן „דאָס ליד פון זאַלץ", א פּאָעמע וועגן די שווערע שטייערן, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף זאַלץ אין פּרייסן, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן א צוזאַמענפאָר פון שרייבער אין פראַנקפורט־אַם־מיין. מען האָט דיסקוסירט געוויסע ווערק פון שרייבער און זייערע פאַרדינסטן פאַר דעם ברייטן עולם. פיל שרייבער האָבן אָנגעוויזן, אַז יידן־ליטעראַטן פעלט דער פּאַטריאָטישער געפיל צו זייער געבורטס־לאַנד און אַז זיי ווייסן ניט ווי זיך אויסצודריקן אַפילו אין אַזעלכע פאַלן. דער פּאָעט ריטערהויז, מרס. קלעבערגס פריינט, האָט דאַן פאָרגעלעזן פאַר די פאַרזאַמלטע דאָס פריער־דערמאָנטע ליד פון מרס. קלעבערג, „דאָס ליד פון זאַלץ". אַלע האָבן זיך איינגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. מען קען זיך פאָרשטעלן די איבערראַשונג, ווען ריטערהויז האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט פאַרפאַסט א יידישע פרוי. מען האָט די פּאָעמע באַצייכנט אַלס א מוסטער. מער האָט מען שוין ניט געוואַגט צו זאָגן, אַז יידן פעלט דער פּאַטריאָטישער געפיל.

מרס. קלעבערג האָט דערגרייכט גרויס באַרימטקייט, ספּעציעל ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פראַנצויזיש־דייטשער קריג און ריכאַרד וואַגנער האָט פאָרגעוואָרפן די יידן, אַז עס פעלט זיי פּאַטריאָטיזם. מרס. קלעבערג האָט דאָס עפּנטלעך אָפּגעלייקנט. דאָס האָט געמאַכט א שטאַרקע ווירקונג אויף דער עפנטלעכער מיינונג.

ווען מרס. קלעבערג איז געקומען אין אַמעריקע האָט מען זי זייער וואַרעם אויפגענומען. מען האָט זי דערוויילט אַלס מיטגליד פון אייניקע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן. זי האָט אויך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט פּערזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען הויך אין די רייען פון ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט.

די מער באַוואוסטע פּאָעמען אירע זיינען: „די מויער דעם טעמפּעלס", „באַר־מיצווע", „אין גאָטעס נאָמען" א. א. אַלע אירע פּאָעמען און לידער זיינען געזאַמלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן.

די קאַריערע פון דער באַוואוסטער פּאָעטעסע איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן באַלד נאָך איר אָנקומען אין אַמעריקע. זי איז נאָך קיין 38 יאָר ניט אַלט געווען ווען דער טויט האָט איר פרוכטבאַר לעבן פאַרענדיקט.

זי איז געשטאָרבן אין ניו־הייווען, קאָנעטיקוט.

8—derziung

בריוו צו דער יידישער פרוי — — — —

● נאַכמען מייזיל

דריטער בריוו

די פרויען־געשטאַלטן ביי י. ל. פּערעץ

אין אונדזערע ערשטע צוויי בריוו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אייניקע פרויען־געשטאַלטן ביי שאָלעם־אַליכעם. מיר זאָגן אייניקע, ווייל מיר האָבן ווייט נישט אויסגערעכנט אַלע פרויען־טיפּן, פרויען־העלדינס, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער שאָלעם־אַליכעמס גרעסערע און קלענערע ווערק. אָבער דאָס וויכטיקע דאַרף מען אונטערשטרייכן: שאָלעם־אַליכעם האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע ווערק לעבעדיקע מענטשן, צאַפּלדיקע, קוועקזילבערדיקע, אָפּט ווי זיי שטייען און גייען, און ער האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו רעדן און אויסצורעדן זיך וויפיל זייער האַרץ גלוסט. אַלע פאַרשוינען זיינען ביי שאָלעם־אַליכעמען באַרעדעוודיק און אַוואַדע — די פרויען. די האַנדלונג, די כאַראַקטעריסטיק פון די מענטשן קומט אַרויס דאָס רוב ביי שאָלעם־אַליכעמען דורך די רייד, דורכן מאָנאָלאָג. די העלדינס — ווי אַלע שאָלעם־אַליכעם־פאַרשוינען — רעדן און קאָנען זיך גאָר זאַט נישט אָנרעדן.

גאָר אַנדערש איז ביי פּערעצן. פּערעץ זעט מער דאָס פרויען־פּראָבלעם, ווי די פרוי גופא. אים אינטערעסירט דער מאַצעוו פון דער יידישער פרוי, איר מאַראָכע אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער שטוב. דעריבער מאָלט נישט פּערעץ אַ פרוי, נאָר די פרוי — אָט א יונגע, אָט אַן עלטערע, אָט א גליקלעכע און נאָך מער — אַן אומגליקלעכע צוליב דער אַלגעמיינער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרוואָרלאָזיקייט פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן און צוליב די מיטלאַלטערלעכע געוואוינהייטן און רעליגיעזע פירעכצן אין דער אַלטער יידישער וועלט. שאָלעם־אַליכעם זעט און ברענגט אַרויס דעם מענטש ווי ער איז, און די מייסע אַליין, די האַנדלונג, די אַקציע, די באַוועגונג פאַרכאַפּט אים. דער גוטער און אויפמערקזאַמער לייענער קאָן אַוואַדע דערפון אַרויסלערנען און אַרויסדרינגען, פּונקט ווי מען קאָן אַרויסלייענען און אַרויסדרינגען פון דעם לעבן אַליין. ווי זאָגט שאָלעם־אַליכעם: „צו וואָס ראָמאַנען, ווען דאָס לעבן איז א ראָמאַן!" אָבער פּערעץ האָט שטענדיק א פריערדיקן מיין, א קאַוואָנע, און טאַקע צוליב אָט־דער קאַוואָנע דערציילט ער א מייסע.

„צווישן געדאַנק און דיכטונג" — אַזוי האָט אַמאָל פּערעץ אָנגערופן א ריי אַרטיקלען זיינע, אָבער דאָס לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן זיינע בעלעטריסטישע ווערק. פון געדאַנק קומט ער צו

זיינע שאַפונגען און זיינע געשטאַלטן, און אויך זיינע פרויען־געשטאַלטן זיינען פּרוכט, רעזולטאַט פון געדאַנק, פון וועלן אונטערשטרייכן, אויסברייען וויכטיקעס, איקערדיקס אין דעם יידישן לעבן.

און נאָך אַ וויכטיקער עלעמענט אין פּערעצעס שאַפן — פּראָבלעמען, וואָס וואַקסן אַרויס בעיקער פון קאָנטראַסטן, פון קעגנזאַצן, פון ווידערשפּרוכן. און ווי פּערעץ אַליין זאָגט וועגן דעם: „פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זיינען די צוויי וואַלצן, אויף וועלכע עס וועלן זיך וויקלען אַלע מיינע שריפטשטעלערישע יעריעס (לייוונטן אויף יידיש—נ. מ.).”

י. ל. פּערעץ האָט שטענדיק אַרויסגעבראַכט די פרוי, די פרויען־וועלט, ווי אַ קאָנטראַסט צו דער יידישער מענער־וועלט; ער האָט אַרויסגעפירט פאַר אונדז איין טיפּ פרוי — אַ שטילע, פרומע, צניעסדיקע, און אַ צווייטן טיפּ אַנטקעגן איר — די כצופע, די פאַרשייטע, די שרייעוודיקע; אַמאָל האָבן מיר אויך ביי פּערעצן אַ פרוי, וואָס האָט מענערשן סייכל, וואָס איז די גאַנצע באַל־דייע אין שטוב, ביי איר מאַן. נישט־זעלטן איז די פרוי די טרעגערין פון דער שענערער וועלט און זי איז קעגנשטעלט קעגן דעם מאַן, קעגן דעם פאָטער, וואָס איז צופיל פאַרהאַוועט מיט זיינע אַסאָקים (לעמאָשל, אין זיין „די גאָלדענע קייט”). און באַזונדערס האָט פּערעץ אַרויסגעבראַכט פּרעכטיקע פרויען־געשטאַלטן אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” (אין די „דריי מאַטאָנעס”) און פאַרקערט — אויך זינדיקע פרויען (אין „די טייווע צו קליידער”).

מיר דאַרפן געדענקען, אַז שוין פון זיינע יונגע יאָרן האָט פּערעץ געשטעלט פאָדערונגען פאַר דער יידישער פרוי, ער האָט געמאָנט פיל פון איר און אויך געמאָנט פולע רעכט פאַר איר אין דער יידישער וועלט.

אין דער הינזיכט איז זייער אינטערעסאַנט אַ בריוו, וואָס פּערעץ האָט געשריבן פון זיין שטאָט זאַמאָשץ צו זיין קאַלע, די שפּעטערדיקע פרוי, העלענע, וואו ער שטעלט זיך אָפּ גענוי אויף דער ביטערער, נישטיקער לאַגע פון דער רעכטלאָזער פרוי ביכלאַל און פון דער יידישער פרוי ביפּראַט. אין אָט דעם בריוו זעצט פּערעץ איבער פון העברייאיש דאָס באַרימטע ליד פון יעהודע לייב גאָרדאָן (יל״ג) וועגן דער יידישער פרוי, „קוצו של יוד” — אַ שאַרף ליד קעגן די ראַבאָנים, וואָס צוליב עפּעס אַ קליינעם גרייז אין אַ געט ווערט אַ יידישע פרוי פאַרשוואַרצט אויף אייביקע יאָרן.

אין יאָר 1887 (איידער פּערעץ האָט פאַרעפנטלעכט זיין „מאָניש” אין יידיש, אין יאָר 1888), שרייבט אָן פּערעץ אַ ליד אין העברייאיש „לעלמה העבריה והיא מתנכרה” (צו דעם יידישן מיידל, וואָס דערווייטערט זיך פון יידן). ער מאַכט דעם יידישן מיידל קאָמפּלימענטן — זי איז שיין, רייצנד, די אויגן ווי פינקלדיקע שטערן, די לאָקנס פאַלדן זיך ווי כוואַליעס, אָבער, צו אונדז איז זי פרעמד. זי ווייסט נישט פון די ליידן און פריידן פונעם יידישן פאָלק.

איך וואָלט אייך, יידישע פרויען, געראָטן איבערצולייענען די קורצע דערציילונג פון פּערעצן: „די פאַרשטויסענע”. עס איז אַ מייסע מיט אַ יידיש מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן פון איר היים, זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ פרעמדן, אַ נישט־ייד, און אויסגעקליבן דערצו פּונקט די נאַכט פון שוואועס. עס זיינען אַוועק זינט דאַן פיל יאָרן. און פּערעץ דערציילט: „דאָס לעבן, צו וועלכן זי איז געלאָפן, האָט זי צוריקגעשטויסן, פון זיך אַרויסגעוואָרפן. געשווינד האָט איר דאָס געהאָפטע גליק פאַרבליט און פאַרוועלקט — צוריקקומען האָט זי נישט געקאָנט . . . אויפן וועג איז געשטאַנען דאָס געזעץ, ווי אויך צוויי קוואָרים — דעם טאַטנס און דער מאַמעס קייווער...” און יעדן שוואועס אָוונט קומט זי, די פאַרשטויסענע, צום פענצטער פון איר ברודער, קומט צו אים מיט באַשולדיקונגס־רייד. זי זאָגט צו אים צאָרנדיק: „שולדיק זייט איר! וואָס האָב איך געוואוסט פון אייער בלוטיקן קאַמף מיט יענע? דו האָסט עס געוואוסט — זאָגט זי צום ברודער — אין כיידער געלערנט, מיינע ביכער האָבן דערפון קיין וואָרט נישט געזאָגט... ביי אייך אין שטוב האָב איך אַ פרעמד לעבן געלעבט; אַ פרעמד, שיין־אויסגעטרוימט לעבן, אַ לעבן פון ביכער אַרויס... האָב איך עס פאַרראַטן, אָן עפּעס געפעלשט?— איך האָב נאָר געלע כאַלע מיט זאַפרען אויף אַן אַנדער זיס געבעקס פאַרביטן... מייסעלעך פון „צאינה וראינה” — אויף ביכער... טכינעס — אויף ראָמאַנען! — אייך האָב איך נישט פאַרראַטן: איך האָב אייך נישט געקאָנט; פון אייערע שמערצן נישט געוואוסט, איר האָט מיר פון זיי קיין וואָרט נישט דערציילט... צו אייערע סוידעס נישט צוגעלאָזט...” און זי, די פאַרשטויסענע, טיינעט ווייטער: „פאַרוואָס האָט איר מיר פון אייער ליבע נישט דערציילט — פון אייער ליבע, וואָס נערט זיך פון אייער בלוט? פאַרוואָס האָט איר מיט מיר פון אייער שיינקייט, פון אייער אייביקער בלוטיקער שיינקייט נישט גערעדט? דאָס שיינע, דאָס ליבע, דאָס הויכע, דאָס שרעקלעך־הויכע האָט איר אין זיך פאַרשלאָסן, פאַר אייך, מענער, באַהאַלטן... אונדז האָט איר פאַרשטויסן!...”

דאָס זיינען באַשולדיקונגס־רייד, וואָס פּערעץ אַליין וואַרפט קעגן דער יידישער וועלט פאַר די באַרויבטע רעכט פון דער יידישער פרוי. דאָס ברענגט צו דעם, וואָס די פרוי איז פרעמד דעם יידישן גייסטיקן לעבן, און דעריבער, ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס, האָט זי נישט געקאָנט זיך פאַרטיידיקן... דאָס איז דער ווייגעשריי און אויך דער פּראָטעסט פון דער באַוואוסטער יידישער פרוי אין דעם אַמאָליקן יידישן לעבן.

דאָס זעלבע כאַזערט זיך איבער אין אַן אַנדערער פאָרם אויך אין אַנדערע ווערק פון פּערעצן.

איך לייג אייך פאָר איבערצולייענען פּערעצעס דערציילונג „אין פּאָסט־וואַגאָן”, וואו פּערעץ מאָלט פּרעכטיק די טרויעריקע לאַגע פון דער יידישער פרוי, איר בענקשאַפט נאָך אַ שענערער וועלט, איר גאַרן נאָך וויסן. אָבער אָט די בענקשאַפט, אָט דאָס גאַרן בלייבט נישט פאַרווירקלעכט, עס קומט נישט צום שאַפערישן אויסדרוק. דער מאַן איז אין בעסמעדרעש, ער פאַרמאָגט אַ וועלט פאַר זיך, און זי איז אין דער היים, אָן קיין סוויווע; זי שטרעבט צו באַרייכערן איר אינעווייניקסטע וועלט, אָבער דער באַגרענעצטער מאַן פאַרשטייט עס נישט. און דער סאָף איז זייער אַ טרויעריקער — ווי עס געשעט ביים ראָוו אַמאָליקע פרויען: „אַ „שטעל” מיט זאַלץ און הערינג, איין קינד ביי דער ברוסט . . . צוויי—צו קעמען און וואַשן...” און פּערעץ מאַכט אַזאַ אויספיר: „צוויי פאַרשיידענע וועלטן: אַ מאַנישע וועלט, און אַ ווייבערישע וועלט... אַ וועלט פון „אַרבעה אָבות נזיקין” (טאַלמוד — נ. מ.) און אַ וועלט מיט מייסע־ביכלעך, וואָס מען קויפט אויפן פּוד! לעזט ער, ווערט זי אַנטשלאָפן; לעזט זי, ווערט ער אַנטשלאָפן... אין יעדער איינציקער יידישער ענגער, נאַסער, ברודיקער שטוב, מוזן אויך זיין צוויי באַזונדערע וועלטן...” דעם מאַנס באַזונדערע וועלט, און דער פרויס...

אין דער זעלבער דערציילונג פלעכט אַריין פּערעץ נאָך אַ טראַגישע געשיכטע פון אַ יידישער פרוי, וואָס ווערט אים איבערגעגעבן דורך אַן אינטעליגענטן פּאָליאַק. אַ רירנדיקע געשיכטע פון אַ שיינער יידישער פרוי, וואָס איז פאַרוועלקט געוואָרן פאַר דער צייט אין דעם אָרעמען שטעטל. „שטעלט אייך פאָר אַ שיינהייט, אַ בילד אין אַ ברודיקער ראַם, אונטער אַ שרעקלעך, אויסגעקרימטן דאַך.” און דער ראַדיקאַלער פּאָליאַק, וואָס איז געווען אַפּטייקער אין דעם שטעטל, באַשולדיקט פּערעצן, דאָס יידישע לעבן, מיט די ווערטער: „שטונדן לאַנג פלעגט זי שטיין געבויגן איבערן פענצטער, פאַרבראָכן די הענט און טרויעריק געקוקט אויף אונדז אָדער אויף די שטערן אין הימל און שלינגען די טרערן! מיר האָבן געזען, אַז זי איז שטענדיק אַליין, עלנט (אייערע מענער האָבן קיין מאָל קיין צייט ניט), שטענדיק פאַרטרויערט, פאַרבענקט. איר אומגליק איז געווען אויסגעגאָסן אויפן בלאַסן פּאָנעם. זי איז זיכער געקומען ערגעץ פון דער פרעמד; פון אַ בעסער, פרייער הויז, זי האָט געבענקט ערגעץ־ווייט, ווייט אַוועק. איר האַרץ האָט געצאַפּלט צו אַ פרייען לעבן. זי האָט אויך געוואָלט לעבן, ליבן און געליבט צו זיין... ניין — טיינעט דער קריסט צו פּערעצן — זאָגט וואָס איר ווילט, עס טרעפט זיך צווישן אייך אָפּט די אַוולע, איר פאַרקויפט אייערע טעכטער... עמעס, מיט דער צייט געוואוינען זיי זיך צו, מיט דער צייט פאַרגעסן זיי... זיי זיינען פרום, זיי זיינען גוט, און געדולדיק... נאָר ווער קען איבערציילן די ביטערע טרערן, וואָס פאַלן אויף זייער פאַרשוואַרצט פּאָנעם, איידער דאָס אויג ווערט אויסגעטריקנט? ווער קאָן איבעררעכענען וויפיל קלעם עס טוט אין האַרץ, איידער עס געוואוינט זיך אָפּצושטאַרבן לעבעדיקערהייט? און פאַרוואָס קומט עס זיי, צי ווירקלעך, ווייל זיי זיינען גוט און פרום?”

ביי פּערעצן איז דאָ אַ באַזונדער באַנד דערציילונגען, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אָדם וחוה” (אָדאָם און כאַווע), דערציילונגען, וואָס באַהאַנדלען די איינגעשטעלטע אומנאָרמאַלע באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי ביי יידן. אָבער נישט נאָר אין אָט דעם באַנד קומען אַרויס די פאַרשיידענע טראַגעדיעס פון מאַן און פרוי, וואָס עס האָט דערפירט צו דעם דאָס אַמאָליקע אָפּגעשטאַנענע יידישע לעבן מיט די אַלטמאָדישע פירעכצן. אויך אין די אַלע אַנדערע פּערעצישע דערציילונגען און דראַמאַטישע ווערק שטרייכט פּערעץ קעסיידער אונטער דאָס הארבע פּראָבלעם פון דער יידישער עלטערער און יונגער פרוי, וואָס האָט אויסצושטיין פיל איינגעשטעלטע געזעצן און געוואוינהייטן, וואָס מען מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענדערן, פאַרריכטן און שאַפן די מעגלעכקייט פאַר דער מאָדערנער פרוי צו לעבן אַ גאַנץ און פול לעבן.

אָט די צוויי עלעמענטן — פּראָבלעם און קאָנטראַסטן — זיינען, ווי געזאָגט, דער איקער אין פּערעצעס שאַפן און זיי זיינען אויך פאַראַן אין אַ גרויסער מאָס אין די אַלע אַנדערע פרויען־געשטאַלטן, וואָס פּערעץ ברענגט אַרויס אויף זיין באַזונדערן אויפן אין זיינע פאַרשיידענע ווערק. און אומעטום גייט נישט אַזוי ביי פּערעצן צו געבן די דורכאויס־רעאַלע שטריכן, ווי בעיקער די אַבסטראַקטע. און ווי זאָגט פּערעץ אַליין: „די זעלישע ליניען און פאַרבן פאַרדעקן פאַר מיר די אויסערלעכע ליניען און פאַרבן פון קערפּער.” און דאָס איז זייער וויכטיק צו געדענקען, ווען מען לייענט און שטודירט פּערעצן. י. ל. פּערעץ האָט אין זיינע פאַרשיידענע ווערק אויך אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך ספּעציעל דערנעענטערט און פאַראינטערעסירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג באַמיט זיך אַרויסצוברענגען מער די „זעלישע” איידער די „אויסערלעכע” ליניעס און כאַראַקטערשטריכן פון דעם אַרבעטער־מיידל, פון דער אַרבעטער־פרוי. אויך דאַן האָט ער געהאַט פאַר זיך בעיקער די אידייע, דאָס פּראָבלעם, די נייע אויפפאַסונג פון דער ראָלע פון דער פרוי אין דער דעמאָלטיקער יידישער וועלט, וואָס איז געקומען איבערצואַנדערשן, איבערצומאַכן די איינגעשטעלטע, די פאַרפונדעוועטע מיינונגען און מינהאָגים אין דעם יידישן לעבן.

אין דער־אָ הינזיכט איז זייער אינטערעסאַנט די קורצע, די עכט־פּערעצישע, די אַפאָריסטישע דערציילונג „מוסער”, וואו אין דעם געשפּרעך פון צוויי פרויען קומען אַרויס די „זעלישע” שטריכן פון די דריי טעכטער — גנענדל, לייע און מירל — יעדע פון זיי איז אַ באַזונדער טיפּ מיט אַ באַזונדערן אָרט אין דעם אַרומיקן לעבן, מיט גאָר אַנדערשדיקע לעבנס־איינשטעלונגען. מיר שיקן אָפּ די לייענערין צו אָט־דער פּראַכטפולער דערציילונג.

עס קומט ביי פּערעצן אויך אַרויס דער פּראָטעסט פון דעם פּאַשעטן מענטש, פון דעם יידישן האָרעפּאַשניק קעגן דעם, וואָס מען האָט פאַר זיין היים־געליבטער און טרייער פרוי באַשטימט אַן אָרט דאָרט, אויף „יענער וועלט”, בלויז ווי אַ פוס־בענקעלע פאַר דעם מאַן. דער פּאַשעטער מענטש, מיט זיין געזונטן כוש איז